**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/4/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אדמיניסטראציע נאמינאציעס און רעקאמענדאציעס**

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט נייע אדמיניסטראציע נאמינאציעס און רעקאמענדאציעס.

"ניו יארק שטייט אויס קריטישע שוועריגקייטן אין די קומענדע טעג, און מיר דארפן שטארקע, ערפארענע פירער וועלכע ווייסן וויאזוי צו ארבעט מיט ארטיגע צוזאמענארבעטער און ליפערן רעזולטאטן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיט ברייטע מבינות און הינטערגרונדן, קענען ראבערט ראדריגעז, ראזעננע ראסאדא, און מינאסקע אלקאנטארא נישט זיין בעסער צוגעפאסט פאר די פאסטנס אויף וועלכע איך האב זיי רעקאמענדירט. איך קוק ארויס אוף צו ארבעטן מיט די יחידים בשעת מיר ערהוילן זיך פון דער פאנדעמיע און ציען ניו יארק אויף פאראויס."

**ראבערט דזשעי. ראדריגעז** וועט נאמינירט ווערן אלס ניו יארק׳ס 68סטע **סעקרעטאר פון סטעיט.** מר. ראדריגעז איז אן אייגנארטיגער אנגעזעהענער פירער און לעגיסלאטאר, מיט ציווילע און לעגיסלאטיווע ערפאלגן וועלכע האבן סטראטעגיש פאקוסירט אויף אינוועסטירן אין און אנטוויקלען פובליק-גוטע אינפראסטרוקטור פראיעקטן, שאפנדיג גוט באצאלטע דזשאבס און אדרעסירן פינאנציעל אומגלייכקייטן פאר היסטאריש אונטערפארטרעטענע מינאריטעטן און לאָו-אינקאם קאמיוניטיס. מר. ראדריגעז האט ספעציעליזירט אין גיבן ראט פאר סטעיט און ארטיגע רעגירונג אינסטאנצן, און טראנספארטאציע באזארגער אין צפון-מזרח און אין מידוועסט פאקוסירט אויף די פראבלעמען פון פינאנציעלע פלאנירונג, קרעדיט רעיטינג סטראטעגיע, פארוואלטן און אויספירן הלוואה טראנזאקציע, אייגנטום-לייעביליטי פארוואלטונג און פובליק-פריוואטע צוזאמענארבעטשאפטן. אלס א לעגיסלאטאר סערווירט מר. ראדריגעז אלס א מיטגליד פון דער ניו יארק סטעיט אסעמבלי, מיט-פארזיצער פון די לעגיסלאטיווע טעסק-פאָרס אויף דעמאגראפיע פארשונג און ווידער-באשטימונג, גרונדער-פארזיצער פון די אסעמבלי סוב-קאמיטע אויף אינפראסטרוקטור און מיטגליד פון קאמיטעס פון 'וועיס ענד מיענס', האוזינג, לעיבאר, בענקינג, קארפארעישענס און אויטאריטעטן, און גייסטישע געזונט. אין דער פריוואטער סעקטאר איז מר. ראדריגעז א דירעקטאר ביי פובליק פינאנציעלע פארוואלטונג, דער פירנדע מוניציפאלע פינאנציעלע ראטגעבער אין דעם לאנד. בעפאר די PFM איז מר. ראדריגעז געווען א וויצע פרעזידענט ביי AC עדווייזאָרי אינק., און געהאלטן פארשידענע פארוואלטונג און אפעראציע ראלעס ביי בלומבערג על-פי. אלס א ציווילע פירער האט מר. ראדריגעז סערווירט אויף א צאל וואלונטיר באָורדס, אריינגערעכנט אלס פארזיצער פון מאנהעטען קאמיוניטי באָורד 11 און אלס א מיטגליד פון די באָורד אָוו דירעקטאָרס פון די אָפּער-מאנהעטען עמפּאווערמענט זאון. מר. ראדריגעז איז א גראדואירטע פון יעיל אוניווערסיטעט, וואו ער האט באקומען זיין BA אין היסטאריע און פאליטישע וויסנשאפט, און ניו יארק אוניווערסיטעט סטערן ביזנעס סקול, וואו ער האט באקומען אן MBA אין פינאנץ.

**ראזעננע ראסאדא** וועט נאמינירט ווערן אלס **קאמישענער פון ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס (DCJS).** מס. ראסאדא האט געדינט אלס ניו יארק׳ס 67סטע סעקרעטערי אוו סטעיט. איר פירערשאפט האט געמאכט דער דעפארטמענט אוו סטעיט איינע פון די מערסט דינאמישע אגענטורן אין סטעיט רעגירונג. זי האט געפירט דעם DOS דורך א מאדערנע ווידער-סטרוקטור

פראצעס, אריינגערעכנט דאס איינפירן אינאוווירנדע ארטיגע רעגירונג און פראפעסיאנעלע לייסענסינג פראגראמען. אין 2017 האט מס. ראזאדא איינגעפירט דעם קאונטי-ברייטע מיטגעטיילטע סערוויסעס איניציאטיוו, וועלכע עס האט געפירט צו דאס אריינגעבן 34 ספעציפישע קאונטי פלענער אין איר ערשטע יאר. אין צוגאב, האט זי איינגעפירט, דורך די אפיס פאר נייע אמעריקאנע, דער 'ליבערטי דעפענס פראדזשעקט', א פובליק-פריוואטע איניציאטיוו צו ברענגען קריטיש-וויכטיגע לעגאלע סערוויסעס צו ניו יארקער אימיגראנטן. בעפאר זיך אנשליסן אין DOS איז מס. ראזאדא געווען א פירנדע קראפט אין ניו יארק מידיע פאר 27 יאר. מס. ראזאדא, א הויך-אנגעזעהענע זשורנאליסט און א פרייז-געווינערינדע פראדוצירער, איז געווען א וועגווייזער פאר פרויען. זי איז געווען די ערשטע פרוי צו האלטן די פאזיציע פון הויפט רעדאקטערין, און דערנאך פאָבלישער און CEO פון *על דאריא לא פרענסא*, די עלטסטע שפאנישע-שפראך צייטונג אין דעם לאנד און די גרעסטע שפאנישע-שפראך טעגליכע צייטונג אין דער צפון-מזרח. אין לויף פון אירע 18 יאר אין די ארבעט האט זי אוועקגעשטעלט דער צייטונג אלס א פירנדע ענטיטעט פאר סאציעלע און עקאנאמישע יוסטיץ. מס. ראזאדא'ס איבערגעגעבנקייט אלס א פובליק באדינער גייט ווייט און ברייט. זיך איז געווען בייס פארנט פון די נושאים וואס אנבאלאנגן ארעסטאנט אומקער אויף מער פון א צענדליג יאר און מיט שטאלץ סערווירט אלס מיט-פארזיצערין פון די קאונסיל אויף קאמיוניטי אומקער ווידער-איינגלידערן פון ניו יארקער, וועלכע עס איז אוועקגעשטעלט געווארן אלס טייל פון אן אמביציעזע קרימינאלע יוסטיץ רעפארם אגענדע. אין צוגאב איז זי די פארזיצערין פון א צוזאמענארבעטשאפט ארבעט צווישן די דעפארטמענט אוו סטעיט, די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו קארעקשענס און קאמיוניטי סופערווישען און די סטעיט עדיוקעשען דעפארטמענט צו ווידער-אוועקשטעלן און פארברייטערן די באַרבערינג פראגראם פאר ארעסטאנטן. דער איניציאטיוו פארגרינגערט דער קאמפליצירטע ווידער-אריינגאנג טראנזיציע דורך צושטעלן עדיוקעשען, ארבעט פעאיגקייטן און געלעגנהייט פאר סטעיט אקופאציאנעל לייסענסשאפט בעפאר'ן ארויסגעלאזט ווערן. מס. ראזאדא האט באקומען פילצאליגע פרייזן אריינגערעכנט אן 'עמי', א 'סטאר' פרייז פון די ניו יארק פרויען'ס אגענדע, דער פיעבאדי פרייז פאר זשורנאליזם און די ניו יארק פרעסע קלוב פרעזידענט'ס פרייז. מס. ראזאדא, א געבוירענע ניו יארקער, האט באקומען איר BA אין זשורנאליזם פון פעיס אוניווערסיטעט און אן MA אין קרימינאלע יוסטיץ פון CUNY'ס דזשאן דזשעי קאלעדזש. מס. ראזאדא וועט דינען אלס עקטינג קאמישענער ביז'ן ווערן באשטעטיגט דורך דעם סענאט.

גאווערנער האקול רעקאמענדירט פאר די קאמישענערס פון דער **ניו יארק סטעיט בריק אויטאריטעט** צו באשטימען **מינאסקע אלקאנטארא** אלס **עקזעקיוטיוו דירעקטאר**. דר. מינאסקע אלקאנטארא איז שעף פון פראיעקט סקעדזשולינג ביי MTA קאנסטרוקציע און אנטוויקלונג, און קאמישענער צו דער גלייכבארעכטיגטע באשעפטיגונג פראקטיצירונג קאמיסיע פאר'ן שטאט ניו יארק. זי איז אן ערפארענע ציווילע אינזשינערקע מיט געניטשאפט אין גרויס-פארנעמיגע אינער-שטאטישע פראיעקט און קאנסטרוקציע פארוואלטונג. מס. אלקאנטארא האט געארבעט אלס א פירנדע קאסטן/סקעדזשול אינזשינער אין פארשידענע סארטן פראיעקטן אין פארבינדונג מיט ארכיטעקטור, אינפראסטרוקטור, און מיסט-וואסער פארוואלטונג סיי לאקאל און סיי אינטערנאציאנאל. דר. אלקאנטרא איז אויך אנטשלאסן צו די פעלד פון עדיוקעשען. זי דינט איצט אלס באָורד מיטגליד ביי די זומער וויסנשאפט פראגראם (SSP) און הודסאן ריווער קאמיוניטי סעילינג (HCRS) פראגראמען. ביי דער אוניווערסיטעט פון אילינאי ביי אורבאנא-שאמפיין האט זי אויספלאנירט, איינגעפירט און פארברייטערט פראגראמען וועלכע באשעפטיגן K-16 סטודענטן מיט STEM, איבערהויפט פרויען און אנדערע סטודענטן פון גרופעס אונטערפארטרעטן אין STEM. זי פארמאגט א BS אין ציווילע אינזשינערונג פון די פעדרא העענריקעז אורענא נאציאנאלע אוניווערסיטעט, אן MA אין קאנסטרוקציע פארוואלטונג פון GWU און EdM און EdD פון קאלומביע אוניווערסיטעט. זי איז א מוטער פון דריי קינדער, אלע פון וועלכע האבן נאכגעפאלגט אין אירע אינזשינערונג פיסטריט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן